NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13320

YEHAOSH ZAMLHEFT

Yehoash



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.



(זאַמלהעפט)

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“.

ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1930.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

יהואָש

זאַמלהעפט

פארלאג „נייע יידישע פאָלקסשול".

ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1930.

Printed in Poland.

Wypisy żydowskie w zeszytach.

złożone przez S. Bastomskiego.

„Jehojosz“

Drukarnia „Express“ Wilno, Wielka 33.



יהואָש

יהואָש איז דער ליטעראַרישער נאָמען פון יהואָש־שלמה בלומגאַרטן. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווערזשבאָלאָווע (ווירבאַלן) סוואַלקער געגנט אין ניסן 1871.

ביז 14 יאָר האָט יהואָש געלערנט אין חדרים און ישיבות. די רעליגיעזע לימודים האָבן אָבער ניט באַפרידיקט דעם יונגן לעבעדיקן יהואָשן און ער האָט בשתיקה פון די רביים גענומען לייענען פאַר יענער צייט „טריפה" ביכלעך, אין וועלכע עס האָט זיך דערציילט וועגן דער אַרומיקער וועלט, וועגן דעם לעבן פון מענטשן, וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור.

די ביכלעך האָבן אויסגעוועקט ביי אים אַ ווילן צו וויסן, צו בילדונג.

אַזוי ווי אין יענער צייט האָט מען געקאָנט באַקומען בילדונג נאָר אין פרעמדע שפּראַכן, הייבט אָן דער יונגער יהואָש פלייסיק צו שטודירן רוסיש און דייטש און מאַכט אין אַ קורצער צייט גרויסע פעולות.

צו 15 יאָר הייבט יהואָש אָן אַליין צו שרייבן לידער און אייניקע פון זיי גיט זיך אים איין אָפּצודרוקן און די דאַמאָלסדיקע יידישע זשורנאַלן, „די יידישע ביבליאָטעק" פון י. ל. פרץ און „הויזפריינד" פון מ. ספּעקטאָר.

אין יאָר 1890 איז יהואָש אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט האָט דער דיכטער אין משך פון 10 יאָר כמעט ווי גאָר ניט געשאַפן. ערשט אין יאָר 1900 (נאָך אַ שווערער קראַנקייט) הייבט דער דיכטער ווידער אָן צו שרייבן, דרוקט זיינע לידער אין פאַרשיידענע זשור־נאַלן און צייטונגען אין אַמעריקע און אין אייראָפּע און ווערט אינגיכן באַרימט ווי אַ גרוי־סער דיכטער.

שפּעטער דערשיינען זיינע ווערק אין 10 בענדער.

אָבער ניט נאָר מיט זיינע לידער איז יהואָש באַרימט געוואָרן. אפשר נאָך אַ גרע־סערער אויפטו פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז זיין איבערזעצונג פון תנ״ך אין יידיש.

אויף דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט דער דיכטער געאַרבעט איבער 20 יאָר.

דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך דער דיכ־טער איבערגעגעבן מיט לייב און זעל. חדשים לאַנג האָט זיך יהואָש געגריבלט אין פאַרשיי־דענע ביבליאָטעקן, צונויפגעזאַמלט אין זיין אַרבעטסצימער הונדערטער תנ״ך־איבערזעצונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אַלץ געלייענט און געשטרעבט דערצו, אַז די אַרבעט זיינע זאָל אַרויסקומען וואָס פולקומער, וואָס פּינקט־לעכער.

טאָג און נאַכט איז דער דיכטער געזעסן איבער דער אַרבעט און לסוף געשאַפן אַ וווּנ־דערבאַר ווערק, וואָס האָט נאָך אין יידיש קיין גלייכן ניט.

יהואָש האָט אַזוי ליב באַקומען זיין אַרבעט איבערן תנ״ך, אַז ער האָט זיך צוליב איר אָנט־זאָגט פון אַלע איבעריקע שאַפונגען.

אויף דער פראַגע פון זיינעם אַ פריינד, צי שטערט ניט דער תנ״ך זיין אייגן שרייבן, האָט יהואָש אַזוי געענטפערט:

„יאָ, איך בין איצט פול מיט אַלערליי זעונגען און רעגונגען. כ׳האָב איצט געקענט, ווען כ׳וואָלט געהאַט די צייט און דעם ווילן, אָנשרייבן אָן אַ צאָל ביכער. אָבער וואָס פאַר אַ פאַר־גלייך, וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס מיטן תנ״ך? אַרויסברענגען איין פּסוק צו מיין צופרידנקייט וועט מיר ברענגען מער אויפלויכטונג און זעלישע באַפרידיקונג ווי דאָס אויפשרייבן צען אייגענע לידער״...

אַזוי הויך האָט יהואָש געשאַצט זיין אַר־בעט איבערן תנ״ך.

די אַרבעט איז אַ געוואַלדיק גרויסע. אויף צו פאַרענדיקן זי האָט זיך געפאָדערט נאָך פיל יאָרן.

און אין אייניקע בריוו האָט דער דיכטער אויסגעדריקט די מורא, אַז דאָס זאָל זיך אים חלילה ניט איינגעבן...

און צום אומגליק איז אַזוי געשען. די פּען איז אַרויסגעפאַלן פון דעם דיכטערס האַנט אין מיטן דער אַרבעט...

אויסער אָריגינעלע ווערק און דער תנ״ך־איבערזעצונג האָט נאָך יהואָש געשאַפן פיל איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן: דייטש, ענגליש, אַראַביש א. א.

באַזונדערס וויכטיק איז זיין איבערזעצונג פון דער גרויסער פּאָעמע פון דעם אַמעריקאַנער דיכטער לאָנגפעלאָ „דאָס ליד פון הייאַוואַטהאַ״.

אין צוויי בענדער האָט יהואָש באַשריבן די איינדרוקן פון זיין רייזע קיין ארץ־ישראל.

זייער אַ וויכטיקע אַרבעט זיינע (בשותפות מיט ד״ר ח. ספּיוואַק) איז אויך דער יידישער ווערטערבוך, וווּ עס ווערן פאַרטייטשט אַלע העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס קומען אַריין אין יידיש.

און ווער ווייס, וויפיל טייערע ווערק דער גרויסער דיכטער וואָלט נאָך געשאַפן, ווען דער אכזריותדיקער טויט רייסט ניט איבער אַזוי פּלוצלונג זיין אַרבעט?...

געשטאָרבן איז דער דיכטער אין ניו־יאָרק דעם 10 יאַנואַר 1927.



דער זיידע זלמן.

זכרונות פון יהואָש.

ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז שוין מיין זיידע זלמן געווען אויפן עולם האמת. (הראיה, אז איך הייס נאָך אים א נאָמען). קיין בילד איז פון אים נישט געבליבן. און דאָך זע איך מיין זיידן פאר מיינע אויגן, אזוי ווי איך וואָלט אים פערזענלעך געקענט. די מאַמע און דער פעטער און אלע אונדזערע קרובים פלעגן זיך אזוי פיל פון אים אָנזערציילן מיט אלע זיינע מינעס און תנועות, אז זיין אויסזען האָט זיך טיף איינגעקריצט ביי מיר אין מוח אויף תמיד.

ער איז געווען א שטאַרק-געבויטער, הויך-געוואַקסענער מענטש מיט א געדיכטער, נישט זייער לאַנגער, אָבער שוין צו ברייטער באָרד, מיט א פּאָר שווארצע אויגן, וואָס האָבן גע-שאָסן פונקען פייער, און א קול האָט ער גע-האַט פון א לייב.

ער איז געווען דער נגיד פון שטעטל, א ייד א סוחר און איז אויסגעפאָרן א וועלט צוליב זיינע געשעפטן. דערצו איז ער נאָך א גרויסער למדן געווען.

אָבער מער פון אלע אנדערע באַלעבאַטים פון שטעטל האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קענען גוט ריידן פּויליש און רוסיש. אין יענער צייט — גלייך נאָך דעם צווייטן פּוילישן מיאַטעזש, — איז רוסיש געווען אין אונדזער געגנט כמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט. מיט די קאָזאַקן, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין שטעטל, פלעגט מען זיך צונויפרעדן האַלב אויפן ווונק און האַלב אויף א געבראָכענעם פּויליש.

און סאַקע צוליב די דאָזיקע קאָזאַקן איז דער זיידע זלמן געווען דער „מלאך המושיע" פון אונדזער שטעטל.

כמעט יעדן טאָג פלעגט עמיצער אריינקו-מען מיט דעם נוסח, וועלכן דער זיידע האָט שוין געקענט אויף אויסווייניק: „רב זלמן, קאָ-זאַקן האָבן מיך באַגנבעט. גייט אריבער, לעבן זאָלט איר, און רעדט מיטן קאַפּיטאַן"...

און דער זיידע פלעגט אָנטאָן די יידישע זשופּיצע מיטן שטריימל און פלעגט אוועק זיך געשתדלען.

דערפאַר איז דער קאַפּיטאַן געווען ביים זיידן א גאַנצער בן-ביה. שבת צו פיש איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר אים א זיל-בערנע טאַץ מיט א טעלער פיש און א פלעשל „פייסאַכאָווקאַ".

פאַר „זאַלמאַנען" וואָלט דער קאַפּיטאַן קיין צען זעק ציבעלע ניט גענומען. ער האָט פשוט געבענקט נאָך א רוסיש-וואָרט, און דער זיידע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט צו אים גערעדט ניט אויף דער „הינטישער שפּראַך פון די מיאַטעזשניקעס".

אינדערזמתן איז דער זיידע אליין אויך געווען א שטיקל מיאַטעזשניק. אין קהל-שטיבל האָט ער שטענדיק געהאַט מאָדנע רעוואָלוציאָ-נערע געדאַנקען בנוגע צו די התחייבותן פון די רייכע באַלעבאַטים צו אָרעמע. און פלעגט קומען צו צדקה, פלעגט דער זיידע זלמן זייער אָפּט זיך אויפשטעלן און זאָגן, אז אויף דעם און יענעם האָט מען נישט ארויפגעלייגט גע-נוג, און אז ער איז ניט חולה צו געבן מער. און א טבע האָט ער געהאַט צו קלאַפּן מיט דעם שטעקן איבער דעם טיש מיט אזא רציחה, אז אויף אלעמען פלעגט א פחד אָנפאַלן. און אויסגעפירט האָט תמיר ער.

ער האָט געהאַט א „שטאָט" אויבן-אָן אין דעם גרויסן בית מדרש, אָבער אליין האָט ער געדאַוונט אין דער שוסטער - קלויז, ווו ער פלעגט יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט לערנען פאַר די בעלי-מלאָכות.

געדאַוונט אין בית-מדרש האָט ער בלויז פרייטאָגצונאַכט, און דאָס האָט ער געטאָן מיט א באַשטימטן פּלאַן. אהין פלעגן געוויינטלעך קומען די אָרעמע לייט פון די ארומיקע שטעט, וועלכע מע האָט געדאַרפט באַזאָרגן מיט א פלאַץ צום עסן.

קוים האָט מען געענדיקט דאַווענען מעריב, איז שוין דער זיידע געווען הינטער דער בימה און האָט איבערגעקוקט די צאָל פון דער הונגעריקער מחנה. צווי אורחים האָט ער גלייך גענומען פאַר זיך, און דאַן האָט ער גענומען קאָמאַנדעווען

— איר, זייט מוחל, גייט נאָך אַט יענעם באַלעבאָס מיט דער גלאַנציקער קאַפּאָטע און זאָגט, רב זלמן האָט אייך געשיקט...

— און איר, רב אורח, גייט מיטן שמש ביז עק מאַרק, גייט אַריין אין דער ערשטער טיר פון דעם ציגעלנעם הויז און זאָגט, אַז רב זלמן האָט אייך געשיקט.

און אַזוי האָט ער יעדן צעשיקט אויף אַ פּלאַץ.

—

איינמאָל ערב פּסח זיינען אין שטעטל אָנגעקומען אַזויפיל אָרעמעלייט, אַז לאַנג נאָכדעם, ווי דער עולם איז זיך שוין צע־גאַנגען פון דעם גרויסן בית־מדרש, איז נאָך דעם ויידן אַלץ ניט געלונגען אַלעמען איינ־צוקוואַרטירן.

לאַנג קלערן האָט מען ניט געקענט. איז ביים ויידן געבליבן שיקן אויף גאַסט באַראַט צו אַזעלכע, וואָס האָבן געוויינטלעך אַן אָרעמאַן אויכן שוועל ניט אַרויפגעלאָזט.

— זייט מוחל — האָט ער זיך געווענדעט צו אַ הויכן און דאַרן יידן—שפּרינגט אַריבער צו שמעון דעם קאַלכער אין זאָגט אים, אַז איך האָב אייך געשיקט...

אין אַ האַלב שעה אַרום איז שוין איס־לעכער בעגאַנגען, ווו דער זיידע האָט אָנגע־חויזן, און דער זיידע אַליין האָט מאַרשירט בראש פון זיינע דריי אורחים צו זיך אַהיים.

אין שטוב האָט מען שוין געוואַרט.

דער זיידע איז אַריין מיט אַ ברייטן באַ־סאָוון „גוט יום־טוב" און האָט גענומען אָפּ־ריכטן דעם סדר.

די דריי פּאָר גרויסע און זילבערנע לייכ־טער האָבן זיך געשפּיגלט אין די רויטע כוסות, די גאָזיכטער פון אַלעמען זיינען געווען אויס־געגרויטלט און יום־טובדיק, און אין הויז האָט געקלונגען אַ געמיש פון קינדער, פרויען און מענער־שטימען, וואָס האָבן געזאָגט די הגדה מיט אַ פייערלעך אימפּעט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ. עמיצער האָט געעפנט די טיר.

דער זיידע און אַלע ביים טיש האָבן פאַר־וואונדער און האַלב צעשראָקן אָפּגעהאַקט אין מיטן זאָגן...

אין אַ מינוט אַרום איז אין עס־צימער אַריין דער הויכער דאַרער ייד.

— רב זלמן — האָט ער געזאָגט מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ: זיי האָבן מיך צוריק־געשיקט.

— ווער? — האָט דער זיידע געפרעגט. ער האָט אין דעם מאָמענט פאַרגעסן, וווהין ער האָט דעם יידן איינגעקוואַרטירט.

אָט דאָרט, וווהין איר האָט מיר געהייסן גיין... זיי זאָגן, זיי ווילן קיין זאַקוסניקעס נישט האָבן.

דער זיידע איז צוערשט רויט געוואָרן, דאַן איז ער געוואָרן משונה בלייך און האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ מיט אַ שטיק באָרד.

— זאָל עס אייער לעצטע דאגה זיין! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געצווונגענעם שמייכל צום אורח: — מיר דאַרפן סאַקע נאָך איינעם. ס'וועט זיין פריילעכער, און קניידלעך וועט איר עסן, אשר לא קניידלונו אבותנו.

ווען דער אורח איז שוין געזעסן אויפן פּלאַץ, וואָס מע האָט פאַר אים געמאַכט, האָט דער זיידע זיך אויפגעהויבן פון העסע־בעט, שנעל אויסגעטאָן דעם קיטל, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ זיין שטריימל און זיך געווענדעט צו אַלעמען:

— זאָגט אייך, קינדער, די הגדה, און וואַרט ניט אויף מיר. איך וועל באַלד זיין צו־ריק. איך מוז פאַרריכטן אַ דבר־מצווה...

—

אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין געשפּאַנט צו דעם קאַפּיטאַן פון די קאַזאַקן.

דער קאַפּיטאַן איז בעוועגן שמאַרק איבער־ראַשט צו זען „זאַלמאַנען" אין דער ערשטער נאַכט פון דער יידישער „פּאַסכאַ".

— וואָס איז, זאַלמאַן, — האָט ער געלאַכט: — האָט עמיצער דיינע מצות געגנבעט?

— גאָספּאָדין קאַפּיטאַן, — האָט דער זיידע געענטפערט: — אויב דו ביסט מיר אַ גוטער פריינד, שיק אַריבער צוויי קאַזאַקן צו שמעון דעם קאַלכער, און לאָזן זיי דאָרטן שטיין אין קוואַרטיר.

דער קאַפּיטאַן האָט באַלד געהייסן אַוועק־שיקן צוויי קאַזאַקן צו שמעון דעם קאַלכער.

ווען דער זיידע איז צוריקגעקומען, האָט מען נאָך-וואָס געענדיקט די הגדה און זיך גענומען עסן.

אלע האָבן געוואָלט וואַרטן, אָבער דער זיידע האָט געהייסן אַלעמען עסן און ער אַליין האָט גענומען אָניאָגן די נישט דערזאָגטע הגדה.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי עס איז אַריינגעלאָפן שמעון דער קאַלכער, ברעכנדיק די הענט.

— סטייטש, רב זלמן, וואָס האָט איר פון מיר געוואָלט? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז איין ייד זאָל דעם צווייטן אַזוי אָפּטאָן?

דער זיידע האָט געלאָזט שמעונען וואַרטן און האָט געענדיקט זאָגן די הגדה.

דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיינע דיקע ברעמען זיינען געווען פינצטער און בייז.

— שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייסן האַלדז אַריין, — האָט ער שמעונען אַריינגע-שריען אין פנים אַריין: — איר זייט אַ ייד אַן עושר און קיין קינדער האָט איר נישט, און קיין אורח קומט ביי אייך קיינמאָל אויפן שוועל נישט אַרויף, און אַז איך שיק אַן אָרעמאַן, זייט איר שופך דמים און זאָגט, אַז איר ווילט קיין זאַקוסניקעס נישט האָבן...

— זעט איר אָבער, ביי מיר איז איין אָרעמאַן ווערט צוויי קאָזאַקן, כאָטש ביי אייך איז אַן אָרעמאַן אַזאַ ביליקער אַרטיקל!...

די געשיכטע האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס דער זיידע האָט זיך געמוזט נאָך אַמאָל מסריח זיין צום קאַפּיטאַן...

אָבער פון יענעם טאָג אָן, אַז דער זיידע פלעגט שיקן אַן אורח אפילו צו יונה דעם פּראַ-צענטניק, פלעגט ער אים צונעמען באהבה רבה...

לידער פון יהואש

מיט אַ גילדערנעם קרוג.

מיט אַ גילדערנעם קרוג,
מיט אַ גילדערנעם קרוג
קומט די טאָכטער פון מלך צום ברונעם;
שטייט די זון ביים ראַנד,
און לאַכט נאָכאַנאַנד,
און פאַלט און צעשיט זיך אין ברונעם.

אַ בורבל, אַ בלעזל,
אַ גילדערנער הײַזל
לויפט אַרום גילדערנעם קרוג:
און די טאָכטער פון מלך
שעפּט וואַסער און זונען,
וואַסער און זונען
און גילדערנע רינגען פון ברונעם.

ציפי־צי ציף.

שטייט אַ שוועלבל אויף אַ דאַך,
און פינטלט צום באַגינען;
אין מזרח שלאָגט אַ שאַרער שליאַך,
און בינשטאָק וועקן זיך די בינען;

קומט מיט פערל באַהאַנגען פרימאָרגן צו גיין,
קרייען און לאַכן די הענער:
דער יונגער פרימאָרגן איז שיין,
און דער טאָג וועט זיין נאָך שענער.

„ציפי־ציף, ציפי־צי־ציף,
אַ שיינעם דאַנקו"
גיט שוואַלב פון זיך דעם טוי אַ טריף,
און הין און הער און שלינג און שלאַנג;
ליבטיק דאַלב און פינצטער האַלב,
און ציף־ציף־ציף די קליינע שוואַלב.

„ציפי־צי־ציף, ציפי־צי־ציף,
דער שיינער טאָג איז מיין;
דער הימל אין הויך און די ערד אין דער טיף
וועט לויטער מיינע זיין,
ציפי־צי־ציף, ציפי־צי־ציפי־צי־ציף.
וועט לויטער מיינע זיין".



יונגשניי.

גוט איז אומצוגיין אליין
אום האלבער נאכט אין שטילן דאָרף,
אומגעזען און אומגעהערט,
ווען דער יונגשניי נידערט
אויף די הייזער,
אויף די שייערן,
אויף די אויסגעשפּאַנטע וועגן,
אויף די הויפנס שטיינער,
אויף דעם הונטס קאָנורע.

אויסגעמעקט דער לעצטער אָפּשיין פון
א שויב.

אין די ענגעדיקע וויגן
שלאָפן קינדער אויסגערויטיקט;
אין די שווערע בעטן
כראָפּען שטאַרקע לייבער;
אין די הייסע שטאַלן
מעלה־גרהן ברוינע קי
מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.
און דער גרינגער יונגשניי
טאַנצט אום און זינגט אין זיך,
טאַנצט אום און פאַרשיט די שטערן,
און פאַרשיט די נאַכט,
און פאַרשיט דעם ווינט,
און פרווט פאַרשיטן מיינע אויגן,
און לאַכט און זינגט אין זיך.
דער שניי זינגט אין מיר
און איך זינג אין שניי,
און מיר גייען און טאַנצן
און ווערן אַלץ גרינגער.

אזוי וועלן מיר גיין
א גאַנצע נאַכט,
זינגענדיק, שווייגנדיק,
טאַנצנדיק דורך שלאָפעדיקע קיניגרייכן.

שפּרינגט יונגשניי אויף א בוים
פון צווייג צו צווייג,
און שפּרייט און שיט און לאַכט,
שפּרינגט צוריק אויף מיינע האָר,
און לאַכט אין מיין אויער,
אין מיין מויל,
אין מיין נאָז;
לאַכט און זינגט,
און איך לאַך און זינג און שווייג.

פרימאָרגנס וועט זיין א ווייסער דאָרף,
און בלאָע שאָטנס וועלן זיך גליטשן
איבערן ווייסן דאָרף,
און הויכע רויכ־הבדלות
וועלן זיך פלעכטן צום הימל
און זיך שפּיגלען בלאָ אויפן שניי;
און איך וועל ליגן אין מיין בעט,
לאַכנדיק, זינגענדיק,
מיטן יונגן שניי,
מיט יונגשניי פון דער נאַכט.



דער צויבערמאַן.

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענע האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
„כ׳האָב מתּנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי...״

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ׳האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ״!

איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער,
קלער אַהער און קלער אַהין,
פאָלג אַ גאַנג מיך און געפין,
וואָס איז בעסער — דאָס צי יענץ;
שרייען אַלע ווי די גענדז.
פון די אַלע מענטשן פיל
ווייסט ניט איינער, וואָס ער וויל.

זיינען אַלע אין אַ קלעם.
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו — טרו — טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשווונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפּאַן...

דאָס ליד פון אויערהאָן.

אַ ראָנד-טאַנץ

די קינדער פון די יידישע שולן אַ מתנה

פון י ה ו אָ ש.

אויער-אויער-אויערהאָן,
פלינקער פויגל אויערהאָן,
ווו ביסטו געפלויגן,
ווו ביסטו געווען?

*

אין אַ ווייטן לאַנד,
אין אַ שיינעם לאַנד,
טויזנט וועלדער, טויזנט בערג,
און דערנאָך אַ וואונדערלאַנד.

*

וועלדער ווילדער וועלדערלינג,
וואונדער, וואַנדער וואונדערלינג.

*

אויער-אויער-אויערהאָן,
שיינער פויגל אויערהאָן,
ווי ביסטו געווען
באַקליידט אויפן וועג?
ווי ביסטו געווען
פאַרפוצט אויפן וועג?

*

גינגאָלד-קאַמען אויפן קאָפּ,
דימענט-רינגען אויף די פיס,
רויטע סאַמעט אויף די פליגלען,
רויטע קרעלן אויפן האַלדז.

*

רינגל ראַנגל ראַנגעלינג,
פויגל פליגל פליגעלינג.

*

אויער-אויער-אויערהאָן,
הארציק פויגל אויערהאָן,
ווי ביסטו געפלויגן
אליין און אליין?

*

די זון פאַר אַ חבר,
דעם ווינט פאַר אַ קנעכט,
ווייסוואָלקן לינקס
און ווייסוואָלקן רעכטס,
לענדער גרין און הימל בלאָ,
הונדערט מייל אין אַ שעה.

*

לענדער לינדער לאַנדערלינג,
וואָלקן וועלקל וואָלקעלינג.

*

אויער-אויער-אויערהאָן.
ליבער פויגל אויערהאָן,
וואָס האָסטו געגעסן
אין גאַנצן וועג?
וואָס האָסטו געטרונקען
אין גאַנצן וועג?

*

געטרונקען אַ טוי
פון אַ זילבערנעם בלאָז,
געגעסן אַ ווייץ
פון אַ גילדערנעם זאַנג,
געווישט זיך דאָס מויל
מיט אַ זיידענעם קווייט.

*

זאַנגען זוניק זאַנגעלינג,
זילבער, זעלבער זילבערלינג

*

אויער־אויער־אויערהאָן,
וואַנדער־פויגל אויערהאָן,
וואָס האָסטו געטאָן
אַ גאַנצן טאָג?
ווי ביסטו געשלאָפן
אַ גאַנצע נאַכט?

*

געזונגען אַ ליד
פון פרי ביז שפּעט,
געשלאָפן ביינאַכט
אויף אַ שטערן־געבעט,
געהערט אינם שלאָף
ווי די פייערפליג רעדט.

*

שטערן שימער שעמערלינג,
פייער פליגל פייערלינג.

*

אויער־אויער־אויערהאָן,
קלוגער פויגל אויערהאָן,
וואָס האָסטו געזען
אין שיינעם לאַנד?
וואָס האָסטו געמערקט
אין וואַנדערלאַנד?

*

הייזער פון וואַסער,
און אויוונס פון אייז,
ביימער, וואָס קרייען,
און פיש כאַפּן מייז,
לעמער מיט פליגלען,
און קעמלען אָן קעפּ,
הינער, וואָס ריידן,
און ענטלעך מיט צעפּ.

*

לעמער, לאַמער, לעמערלינג,
קעמל, קאַמל, קעמעלינג.

*


אויער־אויער־אויערהאָן,
קאַרגער, קאַרגער אויערהאָן,
אַלע לענדער אויסגעוועזן
און די קינדער גישט געבראַכט,
אַלע וואונדער אָנגעזען,
און די קינדער אָפּגענאַרט.

*

אַלע לענדער אויסגעוועזן,
און אַ שיין געשאַנק געבראַכט,
אַלע וואונדער אָנגעזען,
און פון ווייט אַ ליד געבראַכט.

*

לידל, לעדל, לידערלינג,
זעמער, זומער, זעמערלינג,
אויער־אויער־אויערהאָן,
קינדער־פויגל אויערהאָן,
לידל, לעדל, לידערלינג,
זעמער, זומער, זעמערלינג.



יהואש.   מוזיק פון ג. זשעלאזאקי.

ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט.



אויפן קוימען, אויפן דאך
האלטן קליינע פייגלעך וואך,
מיט די אייגלעך ווינקען זיי,
פון לבנה טרינקען זיי.

אַט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

ביימער שטייען לעבן שליאך,
האָבן זיי אַזאַ מין שפראך;
ווייס אַ ווינטל, הוידען זיי,
גייט אַ רעגן, סודען זיי.

אַט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

ליגן גרילן גרין געקליידט,
פירן זיי אַ מין גערייד;
אין די גראָזן ווילן זיי,
מיט די צינגלעך פיילן זיי.

אַט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

זיצן זשאַבעס ערגעץ-ווו,
מאַכן זיי אַן אויג ניט צו;
פאַלט אַ שטערן, שלינגען זיי,
און צוזאַמען זינגען זיי.

אַט אַזוי די גאַנצע נאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט,
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי די קאָם ביים רויטן האָן.

דער זינגעמאַרינג.

(אַן עלטער קינד אין מיטן און קלענערע רונד אַרום)

דער זינגעמאַרינג איז געגאַנגען אין וואַלד,
דער זינגעמאַרינג, דער זינגעמאַרינג.
געגאַנגען אַהין און געגאַנגען אַהער.

קינדער: ווער?

דער זינגעמאַרינג, דער זינגעמאַרינג.
גערעדט צו די פייגלען, גערעדט צו דעם גראָז.

קינדער: וואָס?

די שפּראַך פון דעם זינגעמאַרינג.
געטאָן זיך אַ הייב אינדערהויך ווי אַ שטרוי.

קינדער: אַזוי?

אַזוי גרינג איז דער זינגעמאַרינג,
געשפּרײַזט איפן טײַך און די פּיס ניט באַנעצט.

קינדער: אַזוי לײַכט?

אַזוי לײַכט איז דער זינגעמאַרינג,
האָסטו אים געזען גיין?
האָט ער אים געזען גיין?
האָט זי אים געזען גיין?

קינדער: ניין!

ניט איך און ניט דו און ניט ער האָט געזען,
ווײַל קיין זינגעמאַרינג איז קיינמאָל ניט געווען.



טעקסט - יהואָש

מוזיק - מ. פּאָזנער

דער זינגעמאַרינג

דאָס טײַכל.

מוזיק — ברוך זשיסלין.

זיס און היימיש רוישט דאָס טייכל,
גלאַנצנדיק אין זונענשיין;
פלוידערט קינדערש דורך אַ וואלד-באַרג
און די ביימער שלאָפן איין.

איינגעליוליעט אין זיין מורמל
האָט ער אויך די בערג אַרום;
ער אַליין נאָר רעדט און פלאַפערט
באַרג און הימל האָרכן שטום.

כ'ליג האַלב וואַך און האַלב פאַרדרעמלט;
ווי פאַרנעפלט איז דער זין;
דורכן שלעפערדיקן מוח
פּלאָנטערט זיך דאָס וועלדל גרין.

לאַנגזאַם מישן זיך צוזאַמען
באַרג און הימל, גראָז און קוואַל
און דער חָלומדיקער שומל
פון אַ ווייטן וואַסערפאַל.



לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. לעבעדיקע קלאַנגען – אילוסטרירטער א־ב.
2. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר.
3. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַרן צווייטן לערניאָר.
4. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַר דריטן לערניאָר.
5. לעבעדיקע קלאַנגען – כרעסטאָמאַטיע פאַר פערטן לערניאָר.
6. דאָס לעבעדיקע וואָרט (פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען)
כרעסטאָמאַטיע פאַרן V און VI לערניאָר
7. דאָס „נײַע וואָרט” כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
8. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי
(25 באַזונדערע העפטן)

די „לעבעדיקע קלאַנגען”, „דאָס לעבעדיקע וואָרט” און „דאָס נײַע וואָרט” זײַנען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע און זײַנען אָנגענומען אין די יידישע שולן פון דער גאַנצער וועלט.

נײַע רעכנביכער!

שוין דערשינען

2 נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי:

1. אריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 2־טן לערניאָר – צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אריטמעטישער רעכנבוך – ברוכצאָלן

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24

באָוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

צונויפגעשטעלט פון ש. באסטאָמסקי

באָוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

אין באַזונדערע העפטן פאַר די מיטעלע און עלטערע קלאַסן פון דער יידישער שול.

אין דער כרעסטאָמאַטיע קומען אַריין ווערק פון דער יידישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור.

עס זיינען שוין דערשינען פאָלגנדיקע העפטן:

1. שלום אש — „די פארפליציגע" (פון דעם לעבן פון די יידן אין מיטלאַלטער. אויסצוג פון דער „ביס־המאכערין פון קאסטיליע").
2. „ „ — דער געפאנגענער רב פון ראטענבורג.
3. „ „ — דער ערשטער מאי.
4. „ „ — אנקל מאזעס
5. ש. אנסקי — פאטער און זון (אויסצוג)
6. אברהם רייזען — 1) ווען עפעס די מאמע 2) די נייע לאטע.
7. ז. כענאך [illegible] — [illegible]
8. קאַלעוואַלאַ — (פינישער עפאס — 15־טע רונע). יידיש — הערש ראזענפעלד.
9. ל. טאָלסטאָי — זאמלהענט (דריי פראגן, [illegible] גיטס און גליק, [illegible]).
10. מאקסים גאָרקי 1) [illegible] 2) די קינדער פון פארמא
11. „ „ — ברויט צו קינדער, יידיש — [illegible]
12. י. פאט — איבער נאכט גרא געווארן ([illegible]).
13. מ. ראָזענבאָים — [illegible]
14. הענריק סענקעוויטש — יאנקא דער שפילער. יידיש ש. באסטאמסקי.
15. [illegible] — [illegible] ווילדענברוך — אין דער פרעמד.
16. דר. ש. עטינגער — [illegible]
17. עמיל זאָלא — [illegible] יידיש ש. באסטאמסקי.
18. שלום עליכם — [illegible]
19. מאריא קאָנאָפּניצקא — [illegible] יידיש [illegible]
20. [illegible] ביאליק — [illegible]
21. אידא — [illegible]
22. א. [illegible] — [illegible]
23. דזשעק לאָנדאָן — [illegible]

[illegible]